בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# יוֹם טוֹב סוּכּוֹת

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר גֶעפִינֶען הֶערְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען, עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת, אִיבֶּערְ'ן הֵיילִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, וְוִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, צוּ הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, אוּן דָאס זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִיש פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"ש לְחַג הַסוּכּוֹת" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָ"אַ"ש זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# יוֹם טוֹב סוּכּוֹת

## א

### צְווישְׁן יוֹם כִּיפּוּר און סוּכּוֹת

גְלַייךְ נָאכְ׳ן הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּיפּוּר, הוֹיבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן אִין דִי לוּפְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער פוּנְ׳ם פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. יֶעדֶער לוֹיפְט, יֶעדֶער קוֹיפְט, מְ׳בּוֹיעֶט סוּכּוֹת, מְ׳קוֹיפְט אַיין ד׳ מִינִים, און מְ׳גְרֵייט צוּ פַּאר יוֹם טוֹב; יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ און לוּסְטִיג, יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט

מִצְוֹת, און ס׳אִיז נִישְׁטָא אֲפִילוּ קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, אֱמוֹר) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כ״ג, מ׳) ״וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בְּיוֹם הָרִאשׁוֹן״, וְכִי רִאשׁוֹן הוּא, וַהֲלֹא חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּחוֹדֶשׁ הוּא? אֶלָּא רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲוֹנוֹת; דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פוּנֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁער חֶשְׁבּוֹן פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל אוּם יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, און אִין דִי פִיר טֶעג צְוִוישְׁן יוֹם כִּיפּוּר און סוּכּוֹת אִיז מֶען אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט מִצְוֹת, אַז מְ׳הָאט גָארְנִישְׁט קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן אֲפִילוּ פוּן אַן עֲבֵירָה.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר טַאקֶע אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן עֶרֶב סוּכּוֹת וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט

דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מִצְוֹת וָואס מֶען גְרֵייט צוּ פַאר׳ן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ס״ו) פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אַז דִי טֶעג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״גָאט׳ס נָאמֶען״, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען וָואס הָאט פִיר אוֹתִיוֹת, אִין יֶעדֶע פוּן דִי פִיר טֶעג שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶער אוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען (פְּרִי עֵץ חַיִים, שַׁעַר חַג הַסֻכּוֹת, פֶּרֶק א׳). דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי טֶעג שַׁיינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד קֶען שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד קֶען אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי״ע הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶועןאִין זַיינֶע יוּנגֶע יָארְן אַ סֵפֶר מִיט הֵיילִיגֶע נִיגוּנִים מִיטְ׳ן נָאמֶען ״שִׁירַת משֶׁה״. זַיין זוּן, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שִׁמְעוֹן סוֹפֵר זי״ע, הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין טַאטֶע הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶועןדִי נִיגוּנִים אִין דִי טֶעג צְווִישְׁן יוֹם כִּיפּוּר און סוּכּוֹת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועןאַזוֹי פְּרֵיילִיךְ און אוֹיפְגֶעלֵייגְט אִין דִי טֶעג, אַז דִי נִיגוּנִים הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעזִינְגֶען פוּן אִים מַמָּשׁ ווִי פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ׳ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי״ע הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ. אֵיינְמָאל אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם סַמַ״ךְ מֶ״ם און גֶעזֶען אַז עֶר אִיז זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג און צֶעבְּרָאכְן, וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז

אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הָאט דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג? וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֶלוּל, טוּט דָאךְ יֶעדֶער תְּשׁוּבָה; דֶערְנָאךְ קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מְ׳בְּלָאזְט שׁוֹפָר, וֶוער אִיךְ דָאךְ אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ט״ז:); דַאן קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר, יֶעדֶער וֶוערְט וִוי מַלְאָכִים, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין רְשׁוּת מְקַטְרֵג צוּ זַיין אוֹיף אִידְן (יוֹמָא כ׳.); אוּן נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוערְן אַלֶע אִידְן פַארְנוּמֶען מִיט מִצְוֹת צוּצוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב, צוּ בּוֹיעֶן סוּכּוֹת, אוּן צוּ קוֹיפְן ד׳ מִינִים; אוּן וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, נֶעמֶען דִי אִידְן דֶעם לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג אוּן זֵיי צוּשְׁטֶעכְן מִיר מַמָשׁ דֶערְמִיט (מְנָחוֹת ס״ב.); זָאל אִיךְ נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג אִין דִי טֶעג, אַז מְ׳פַּיינִיגְט מִיר אַזוֹי אוֹיס?!...״

אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, טְרֶעפְט וִוידֶער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ דֶעם סַמַ״ךְ מֶ״ם, אָבֶּער צוּ זַיין וואוּנְדֶער אִיז עֶר דָאס מָאל גֶעוֶועזְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, ״וָואס הָאט פַּאסִירְט דָאס יָאר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, פַארְאַיָאר הָאסְטוּ דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז מְ׳רוֹדְפְ׳ט דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק?״ – פְרֶעגְט אִים שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ. דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָאס יָאר אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, ״דָאס יָאר הָאב אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְן, סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׁיף פוּל מִיט אֶתְרוֹגִים וָואס הָאט גֶעדַארְפְט גֶעפִירְט וֶוערְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע לַאנְד וואוּ סְ׳וואוֹינֶען אַסַאךְ אִידְן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ לָאךְ אִינֶעם שִׁיף, דֶער גַאנְצֶער שִׁיף הָאט אַיינְגֶעזִינְקֶען מִיט אַלֶע אֶתְרוֹגִים, אוּן אַזוֹי וֶועלְן דִי אִידְן נִישְׁט

בַּאקוּמֶען קַיין אֶתְרוֹגִים, אוּן מִיר נִישְׁט קֶענֶען מֶער פַּיינִיגְן אַזוֹי שְׁטַארְק..."

אִינְמִיטְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת טְרֶעפְּט זִיךְ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וִוידֶער אָן מִיטְ'ן סַמַ"ךְ מֶ"ם, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין וַוייטֶער זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, "וָואס אִיז יֶעצְט? פַאר וָואס בִּיסְטוּ שׁוֹין וַוייטֶער נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ? הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אַיינְגֶעזִינְקֶען דֶעם גַאנְצְן שִׁיף מִיט אֶתְרוֹגִים?", דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט אִים אָבֶער עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, "אוֹיף עֶפֶּעס אַ וֶועג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בְּלוֹיז אֵיין אֶתְרוֹג צוּ יֶענֶעם לַאנְד, אוּן אַלֶע אִידְן פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן, הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט וַוארְטְן אִין דִי רֵייעֶ פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת צוּ קֶענֶען שָׁאקְלֶען לוּלָב; אוּן דָאס הָאט מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטָאכְן, זֶעעֶנְדִיג וִוי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי לִיבּ צוּ

טוּן מִצְוֹת, אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט צוּ שְׁטֵיין פַּאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן וַוארְטְן בִּיז וֶוען עֶס קוּמְט זֵייעֶר רֵייעֶ צוּ קֶענֶען שָׁאקְלֶען לוּלָב..."

זֶעט מֶען וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן יֶעדֶער אִיד טוּט אוֹיף אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג בֶּעפָאר סוּכּוֹת, אֲפִילוּ מְ'אִיז טַאקֶע פַּארְיָאגְט אוּן פַּארְפְּלָאגְט מִיט דִי הֲכָנוֹת צוּם פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, דַארְף מֶען אָבֶער זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ טַאקֶע מִיט דֶעם אַז מְ'אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פְּרוּבִּירְט מֶען אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן; לֶערְנֶען אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רס"ו) אַז דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת מִיט דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען אֵיין זַאךְ, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע

תּוֹרָה. ווי אוֹיךְ זֶענֶען דִי טֶעג שְׁטַארְק מְסוּגָל צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר חַג הַסֻּכּוֹת, פֶּרֶק ג') אוּן דָאס וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, סִימָן תרכ"ה, סְעִיף א') אַז עֶרֶב סוּכּוֹת זָאל מֶען גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַלֵיין פְלֶעגְט הָאבְּן אָפְּן אַ בַּייטְל מִיט גֶעלְט אוּם עֶרֶב סוּכּוֹת אוּן גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער קֶען נֶעמֶען (סֵפֶר טַעֲמֵי הַמִּצְוֹת לְהָאֲרִיזַ"ל, פַּרְשַׁת רְאֵה), אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אַסַאךְ צַדִיקִים, וּבִפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע פְלֶעגְט טֵיילְן גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פַּאר צְדָקָה אוּם עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס אִיז זַיין נוֹי סוּכָּה, אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ גֵייט דָאךְ קוּמֶען אִין דִי סוּכָּה אִין שְׁפִּיץ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, אוּן עֶר אִיז דָאךְ דֶער סִימְבָּאל

פון צְדָקָה און חֶסֶד, ווי אַזוֹי קֶען מֶען אִים דֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוֹיבּ נִישְׁט מִיט אַסַאךְ צְדָקָה און חֶסֶד?

## ב

## שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, און דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען טוּן. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי״ע אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פון רֶבִּי נָתָן זי״ע, עֶר פְּלֶעגְט אַסַאךְ בַּאדִינֶען רֶבִּי נָתָן, אֵיינְמָאל עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעבּוֹיעֶט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, און בַּיינַאכְט וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי סוּכָּה מִיט רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וֶוען מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָפּ אַ גַאנְצְן טָאג צוּ בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין

דִי סוּכָּה..."", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט, "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואסֶערֶע טַעַם מְ'שְׁפִּירְט נָאכְדֶעם אִין דִי סוּכָּה..."

וֶוען עֶס קוּמְט פַאר אַ יוֹם טוֹב, פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, אָדֶער פַאר סַיי וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט, אַ אִיד וִויל זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב, עֶר וִויל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְוָה, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב אוּן אִין דִי מִצְוָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער יוֹם טוֹב זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מְ'זָאל טוּן אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף צוּ טוּן

וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מְ׳זָאל אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן דֶעם יוֹם טוֹב דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ׳רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֶר. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ׳רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן דָאס עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע פִיר טֶעג צְוִוישְׁן יוֹם כִּיפּוּר אוּן סוּכּוֹת, צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב, אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אַריינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע

זאַכן; וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו האָבן אַ פריילעכע און גוטע יום טוב סוכּות.

## ג

## אַרומגענומען מיט'ן אייבערשטן אין די סוכּה

די מצוה פון סוכּה איז גאָר אַ ספּעציעלע מצוה, מער פון אַנדערע מצוֹת. אַ איד גייט אַריין אין די סוכּה מיט זיין גאַנצן גוף, מיט אַלע קליידער און מיט די שיך, מ'עסט און מ'טרינקט אין די סוכּה, מ'שלאָפט אין די סוכּה, און די אַלע זאַכן זענען אַ חלק פון די מצוה פון סוכּה, די אַלע זאַכן האָבן די קדושה פון די הייליגע סוכּה.

ווען אַ איד זיצט אין די סוכּה איז ער אַרומגענומען מיט'ן אייבערשטן פון אַלע זייטן, דערפאַר דאַרף מען זיין זייער פריילעך ווען מען איז

זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה. יֶעדֶעס מָאל מְ׳גֵייט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מְ׳עֶסְט אִין דִי סוּכָּה, מְ׳שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, הָאט מֶען נָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כ״ו, כ׳) ״לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם״, וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ צִימֶער מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן מְ׳קֶען דָארְט פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בְּרוֹיךְ.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרל״ט, סְעִיף ד׳) אַז מְ׳קֶען דַאוֶונֶען אִינֶעוֵייניג אִין דִי סוּכָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם, סְעִיף קָטָן י״ד) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דַאוֶונֶען רוּאִיג אִין דִי סוּכָּה זָאל עֶר דַאוֶונֶען דָארְט, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז דָא אַ שׁוּל אִין שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל. דָאס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועלְכֶע שְׁטָאט הָאט דֶען נִישְׁט קַיין שׁוּל? אוּן פַארְוָואס זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען אִין דִי סוּכָּה אוֹיבּ אִיז דָארְט דָא רוּאִיגְקֵייט? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי גֶעהֶערִיגֶע תְּפִלּוֹת, שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז

גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז יָא זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן אִין דִי סוּכָּה. וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רוּאִיגְקֵייט פוּן דֶעם אַז אַ אִיד וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז עֶר זִיצְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּב, דָאס עֶפְּנְט דָאךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף דִי גֶעוִויסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְנְדִיג אִין דִי סוּכָּה.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ג':) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִקְרָא כ"ג, מ"ב) "בַּסוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ; אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ. דֶערְפַאר, וֶוען אַ בָּחוּר

זָעצְט זיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְּסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער. דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דָארְט אִיבֶּערְלָאזְן אוּנְזֶער גַאנְצֶער פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶענְטְשְׁן לַיידְן לֵיידֶער אַסַאךְ שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוּן קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר דוּרְכְ׳ן עֶס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וִוי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֶמֶת׳עֶר נָאנְטֶער חַבֶר אוּן

זיך אויסְגֶעוֶוייִנְט פַאר אִים און אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, און נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָּשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חַבֶר. פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶּער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט און וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים און בֶּעט אִים זַיין הִילְף. און דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, סֵיי וֶוען און סֵיי וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, וֶוען מְ'זִיצְט אָבֶּער אִין דִי

הֵייליגֶע סוכָּה איז מֶען נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען אַ איד נוצְט אויס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט און רֶעדְט זיךְ אויס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אין דִי סוכָּה, דַאן קֶען עֶר זוכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פון דִי הֵייליגֶע סוכָּה נָאךְ יוֹם טוֹב, זָאל עֶר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אויךְ גֶעזֶעגֶענֶען פון אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל שוין הָאבְּן נָאר אַ גְלִיקְלִיךְ און פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן פון יֶעצְט און וַוייטֶער.

## ד

## שְׁפַּאצִירְן אִין דִי סוכָּה

אִין דִי סוכָּה אויךְ דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ צו לֶערְנֶען דִי הֵייליגֶע תּוֹרָה, דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי הָאט אונְז גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו),

אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מְ׳קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מְ׳פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ׳זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ׳גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מְ׳לֶערְנְט. אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מְ׳הָאט אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, אֲפִילוּ וֶוען מְ׳הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אֲפִילוּ וֶוען מְ׳הָאט נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע חַבְרוּתָא אוּן מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ׳הָאט נִישְׁט גֶענוּג צַייט; מְ׳דַארְף בְּלוֹיז עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְּמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער; מִיט דֶעם הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס גֶעשְׁמַאק צוּ טוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (סוּכָּה כ״ח:) ״מִקְרָא וּמַתְנָא בִּמְטַלַּלְתָּא וּתְנוֹי בַּר מִמְטַלַּלְתָּא״, לֶערְנֶען בְּעִיּוּן זָאל מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, אָבֶער זָאגְן תּוֹרָה בְּגִירְסָא דָאס זָאל מֶען טוּן אִין דִי סוּכָּה. אַז מְ׳הָאט אַ קְבִיעוּת׳דִיגֶער שִׁיעוּר אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, זָאל מֶען אַהִינְגֵיין לֶערְנֶען, אָבֶער וֶוען מְ׳לֶערְנְט דִי אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט מִיט דֶעם. אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרל״ט, סְעִיף ד׳) ״כָּל שִׁבְעַת הַיָּמִים, קוֹרֵא וְלוֹמֵד בְּתוֹךְ הַסוּכָּה״. מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אַ הוֹיפְן סְפָרִים אִין דִי סוּכָּה, אוּן מֶען שְׁפַּאצִירְט דוּרְךְ אַבִּיסְל פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר, אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל

תְּהִלִּים, אַבִּיסְל גְמָרָא און אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים, און אַזוֹי וֶועט מֶען צוּגֵיין צוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גָאר אַן אַנְדֶער גֶעשְׁמַאק ווִיסְנְדִיג אַז מֶען הָאט גוּט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע לָשׁוֹן וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם, סְעִיף א׳): "וָואס אִיז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה? דִי גַאנְצֶע זִיבְּן טֶעג זָאל אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן, טְרִינְקֶן, שְׁלָאפְן, און 'שְׁפַּאצִירְן' אִין דִי סוּכָּה". וָואס אִיז דִי שְׁפַּאצִירְן אִין דִי סוּכָּה? וֶוער הָאט דֶען אַזַא גְרוֹיסֶע סוּכָּה צוּ קֶענֶען דָארְט אַרוּם שְׁפַּאצִירְן? נָאר עֶס קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט אַז אִין דִי סוּכָּה קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, און אוֹיךְ קֶען מֶען אִין דִי סוּכָּה אַרוּם שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי צַייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, וֶוען עֶר הָאט אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַן אֱמֶת׳ן פְּרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

## ה

## רֶעגְן אִין דִי סוּכָּה

חֲזַ״ל זָאגְן (סוּכָּה כ״ח:) אַז וֶוען סְ׳רֶעגְנְט אִין דִי סוּכָּה אִיז דָאס צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קְנֶעכְט וָואס בְּרֶענְגְט וַואסֶער פַאר זַיין הַאר, אוּן דֶער הַאר נֶעמְט דֶעם טֶעפְּל וַואסֶער אוּן גִיסְט עֶס פַארְ׳ן קְנֶעכְט אִין פָּנִים אַריין, עֶר זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט עֶר זָאל אִים בַּאדִינֶען.

דָאס אִיז לִכְאוֹרָה זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶוען עֶס רֶעגְנְט סוּכּוֹת מֵיינְט דָאס טַאקֶע צוּ זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז פָּשׁוּט אוֹיפְרֶעגְן אוּן זָאגְן אַז עֶר דַארְף אוּנְז נִישְׁט הָאבְּן, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת? דָאס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז דָאךְ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ גַאנְץ יוֹם טוֹב, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ט"ז, ט"ו) "וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ", וִוי קֶענֶען דִי חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוען עֶס רֶעגְנְט זָאלְן מִיר וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג אוּן שְׁפִּירְן וִוי אַ קְנֶעכְט וָואס אִיז אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט גֶעוָוארְן פוּן זַיין הַאר?

נָאר דִי זַאךְ אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶער גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט וָואס זָאל אִים גוּט בַּאדִינֶען, מוּז עֶר אִים קוֹדֶם אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען אוֹיב עֶר אִיז אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ. וָואס וֶועט זַיין

אויב ער וועט אַריינגעמען דעם קנעכט צו זיך אַהיים, דער קנעכט וועט זיך אויסקענען אין אַלע אוצרות און טייערע חפצים פונעם באַלעבאָס, און איין טאָג וועט ער זיך אויפרעגן אויפ'ן באַלעבאָס און אָפּטראָגן מיט זיין גאַנצע פאַרמעגן?

וואָס טוט דער האַר? ער פּרובירט קודם אויס דעם קנעכט צו זען אויב ער איז טאַקע באַגלייבט, אויב ער איז אים אינגאַנצן געטריי, צום ביישפּיל אַז ער בעט אים צו ברענגען וואַסער און ער וואַרפט אים עס צוריק אין פּנים אַריין, און אויב איז דער קנעכט נישט געטריי צו אים, וועט ער זיך זיכער אויפרעגן און אַנטלויפן פונעם באַלעבאָס, ער וועט נישט וועלן בלייבן ביי אים, אויב אָבער איז ער אַ געטרייער קנעכט, וואָס איז טאַקע איבערגעגעבן מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר'ן באַלעבאָס, וועט ער זיך

נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּוִוישְׁן דָאס פָּנִים, אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין הַאר, און אִים פְרֶעגְן מִיט וָואס נָאךְ עֶר קֶען אִים בַּאדִינֶען. און דַאן וֶועט דֶער בַּאלֶעבָּאס אִים קֶענֶען אַרייננֶעמֶען רוּאִיגֶערְהֵייט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, און עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים.

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּיפּוּר, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן קְנֶעכְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מִיר זָאגְן (פִּיּוּט "לְבוֹחֵן לְבָבוֹת") "לְצוֹפֶה נִסְתָּרוֹת בְּיוֹם דִין, לְקוֹנֶה עֲבָדָיו בַּדִּין", מִיר הָאבְן גֶענוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶער הַאר, און מִיר וִוילְן זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע קְנֶעכְט פַאר אִים. דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט נָאכְדֶעם דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, וִויל דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אוֹיסְפְּרוּבִּירְן אוֹיבּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע גֶעטְרֵיי צוּ אִים, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, אוֹיבּ עֶר קֶען אוּנְז טַאקֶע מְקַרֵב זַיין צוּ זִיךְ אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וְויסְנְדִיג אַז מִיר וֶועלְן אִים סֵיי וְוי קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן. אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן ע"ו) אַז וֶוען אַ אִיד הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז יֶעצְט ווִילְסְטוּ מִיר דִינֶען, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ מִיר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִיר אוּן דִיר יֶעצְט שׁוֹין מְקַרֵב זַיין אוּן דִיר אוֹיסְזָאגְן אַלֶע מַיינֶע סוֹדוֹת? נָאר קוֹדֶם זָאלְסְטוּ מִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן טוּן דִי מִצְוֹת אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט עֶס נִישְׁט אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קֵיין

טַעַם דֶערִין, דוּ זָאלְסְט מִיר דִינֶען פָּשׁוּט׳עֶרְהֵייט אָן קַיין חָכְמוֹת, אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַּאר מִיר פַּאר אַ לַאנְגֶע צַייט, דַאן וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין קֶענֶען פַארְלָאזְן אוֹיף דִיר אוּן דִיר אוֹיסְזָאגְן אַלֶע סוֹדוֹת, אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין קֶענֶען גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם רִיכְטִיגְן זִיסְן טַעַם פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין קֶענֶען מְקַרֵב זַיין צוּ מִיר מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעדִינְט אַזוֹי לַאנְג אָן קַיין טַעַם, וֵוייס אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט מִיר שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן״.

דֶערְפַאר מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז סְ׳זָאל רֶעגֶענֶען צוּמָאל אוֹם סוּכּוֹת, אוּן מִיט דֶעם פְּרוּבִּירְט אוּנְז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס צוּ זֶען אוֹיב מִיר זֶענֶען טַאקֶע גֶעטְרֵייעֶ קְנֶעכְט פַאר אִים. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוּן זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

פאַרוואָס עס רעגנט אין די סוכּה, ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געמוטשעט אויפצושטעלן די סוכּה, אויפצוהענגען שיינע נוי סוכּה, און יעצט ווערט אַלעס חרוב, אַלעס ווערט נאַס און ס׳גייט צוגרינד, און אַזוי גייט ער אַרויס פון די סוכּה אינגאַנצן טרויעריג און אויפגערעגט.

אַ איד וואָס איז אָבער אמת׳דיג געטריי צום אייבערשטן, ער ווייסט אַז דער אייבערשטער האָט אים ליב און מיינט זיכער נאָר זיין טובה, ער ווייסט אַז דער אייבערשטער וויל אים נאָר אויספּרובירן אויב ער וועט זיך האַלטן רואיג און פריילין אַפילו ווען עס גייט אים נישט אַזוי גוט, אַזאַ איד וועט נישט ווערן אויפגערעגט און ברוגז אויפ׳ן אייבערשטן. ער וועט פּרובירן זיך האַלטן פריילין מיט די גוטע זאַכן וואָס ער האָט יאָ; אַפילו ער קען

טַאקֶע נִישְׁט עֶסְן אִין דִי סוּכָּה, קֶען עֶר כָאטְשׁ טוּן דִי אִיבְּרִיגֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, עֶר שָׁאקֶלְט לוּלָב, עֶר דַאוֶונְט אוּן לֶערְנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט עֶר אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען, אוּן מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ גֶעטְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טַאקֶע מְקַרֵב זַיין צוּ זִיךְ אוּן אִים וַוייזְן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ אִיד, וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זַאכְן וָואס זֶענֶען אִים נִישְׁט צוּם הַארְץ, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַארְף דֶער אִיד שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נִישְׁט רוֹדְפְ'ן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים נָאר

אויסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען אויבּ עֶר אִיז גֶעטְרֵיי צוּ אִים, אויבּ עֶר וֶועט אִים נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וויל, פַּארְקֶערְט, דֶער אִיד וֶועט נָאךְ מֶער קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריִקייטְן, און אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים שׁוֹין רַאטֶעוֶוען און אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין צָרָה, און דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אויף אִים, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן אִין זַיין נוֹיט, און עֶר וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף.

## ו

## שִׂמְחַת יוֹם טוֹב

אֵיינְמָאל הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן גְרָ״א זי״ע גֶעפְרֶעגְט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי׳ן, וָואס אִיז דִי

שְׁוֶוערְסְטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה מְקַיֵים צוּ זַיין? זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט זִיכֶער אַז עֶר וֶועט זָאגְן דִי מִצְוָה פוּן שַׁבָּת, אָדֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם, און דָאס גְלַייכְן. דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע הָאט זֵיי אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מִצְוָה מְקַיֵים צוּ זַיין אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּם יוֹם טוֹב, סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶעְרֶעגְט און טְרוֹיעֶרִיג וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען ווִיל.

אִין דִי טֶעג פוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְבְּרֶענְגְט אַסַאךְ אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם אִין דִי סוּכָּה וָואס אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט צוּ גְרוֹיס, מֶען גֵייט חוֹל הַמוֹעֵד פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן גֶעוֶוענְלִיכְן סֵדֶר פוּן אַ גַאנְץ יָאר, דַאן מַאכְט זִיךְ

אֵייבִּיג זַאכְן וָואס קֶענֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי כֵּלִים, עֶר קֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן אוּן פַארְלִירְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ׳זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֶמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, סֵיי וָואס סְ׳זָאל נָאר פַּאסִירְן, זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען אַלְץ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס בַּארוּאִיגְט אִים דִי נֶערְוֶועס אַז עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַזוֹי שְׁנֶעל, אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה

צו לערנען תורה יעדן טאג, ווערט ער אַ רואיגער מענטש, ער ווערט צוגעבינדען צום אייבערשטן, ער באקומען אַ ריינע אמונה, און אויטאמאטיש איז נישט אזוי גרינג אים צו ברענגען צו כעס.

חז״ל זאגן (מדרש תהלים, מזמור ט״ז) אויפ׳ן פסוק (תהלים ט״ז, י״א) ״שבע שמחות״, אל תקרי שבע שמחות אלא שבע שמחות, דאס גייט אַרויף אויף די זיבן מצות פונעם יום טוב סוכות; די פיר מינים פונעם לולב, חגיגה, שמחה, און סוכה. אויך זאגן חז״ל (שם, י״ז) אויף דעם זעלבן פסוק ״שבע שמחות״, אַז דאס גייט אַרויף אויף זיבן חלקים פון די הייליגע תורה וואס דאס ברענגט אַ שמחה אויפ׳ן מענטש; מקרא משנה ותלמוד, הלכות ואגדות, דקדוקי תורה ודקדוקי סופרים.

ווען אַ איד איז זוכה צו לערנען תּוֹרָה, בּרענגט דאס אים אַ שׂמחה, ער ווערט אַ פריילעכער און רואיגער מענטש. און די ערשטע שׂמחה איז "מִקְרָא", צו לערנען חומש, דאס מיינט מַעֲבִיר סֵדְרָה צו זיין יעדע וואך די פַּרְשָׁה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם.

מענטשן זוכן אַלע מִינֵי סְגוּלוֹת פאר אֲרִיכַת יָמִים, און דא האבן מיר אַ געוואלדיגע סְגוּלָה פון חַזַ"ל, ווי חַזַ"ל זאגן (בְּרָכוֹת ח׳.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זעט מען אַ קלארע צוזאג פון די הייליגע חֲכָמִים אַז ווער עס וועט מַעֲבִיר סֵדְרָה זיין, וועט לעבן לאנג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים, סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג׳) אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה פְרַייטָאג, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע וִוינְטֶער

פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען וִויל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶער אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה אִין דִי תּוֹרָה אִיז פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, דָאס אִיז אַ לַאנְגֶע פַּרְשָׁה, אוּן רוֹב יָארְן קוּמְט אוֹיס אַז פוּן נָאךְ סוּכּוֹת אִיז אֲפִילוּ נִישְׁטָא קַיין גַאנְצֶע וָואךְ צַייט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אַמָאל אִיז דָא עֶטְלִיכֶע טֶעג פוּן פַּרְשַׁת

בְּרֵאשִׁית, און צוּמָאל אִיז בְּלוֹיז דָא נָאר אַ שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית.

וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַאן נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אִיד פָאר אַז עֶר גֵייט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מְ׳גֵייט פְּרוּבִּירְן יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה. און וֶוען עֶס קוּמְט נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, כַאפְּט מֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַז מְ׳גֶעבְּט זִיךְ נָאר אַ דְרֵיי און פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אִיז שׁוֹין פַארִיבֶּער, מֶען הַאלְט שׁוֹין פַּרְשַׁת נֹחַ, און אוֹיב פַארְפַאסְט דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה, פַארְלִירְט מֶען שׁוֹין דִי חֵשֶׁק וַוייטֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיךְ בַּיי פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אִיז דָא דִי הֲלָכָה אַז מְ׳קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג. נָאךְ אִינְמִיטְן חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז צוּ שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית וֶוען מְ׳הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גְרִינְגֶערְהֵייט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה. אוּן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן דָאס יָאר מִיטְ׳ן רֶעכְטְן פוּס, וֶועט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע יָאר גֵיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה.

אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּם יוֹם טוֹב, בְּרֶענְגְט דָאס אִים פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר. דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת

פונֶעם פָּסוק (דְבָרִים ט״ז, ט״ו) ״וְהָיִי״תָ אַ׳ךְ שָׂמֵ׳חַ״, אִיז חַתָ״ךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פון פַּרְנָסָה, וָואס אִיז אויךְ דִי סופֵי תֵיבות פונֶעם פָּסוק (תְּהִלִים קמ״ה ט״ז) ״פותֵ׳חַ אֶ׳ת יָדֶ׳ךָ״. און דִי זֶעלְבֶּע סְגולָה בַּאקומְט מֶען אויךְ דורְכְ׳ן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכות ח׳.) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז עֶר זוכֶה צו אַ לַאנְג לֶעבְּן, און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, גֶעבְּט עֶר אִים שׁוין אויךְ מִיט פַּרְנָסָה פַארְ׳ן לֶעבְּן, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחומָא, בְּשַׁלַח, כ׳) אויפְ׳ן פָּסוק (שְׁמות ט״ז, ד׳) ״דְּבַר יום בְּיומו; מִי שֶׁבָּרָא יום, בָּרָא פַּרְנָסָתו״, און דִי סופֵי תֵיבות פון דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיות ״בְּרֵאשִׁי״ת נֹ׳חַ לֶ׳ךְ״ אִיז אויךְ חַתָ״ךְ, דֶער שֵׁם פון פַּרְנָסָה.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוכֶה זַיין צו זַיין אֱמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ דֶעם גַאנְצְן יום טוב

סוּכּוֹת. נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, זָאלְן מִיר זִיךְ הַאלְטְן אַלֶעמָאל רוּאִיג אוּן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט. אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשָׁה, אוֹיף אַ וֶועג אַז מִיר זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה יֶעדֶע וָואךְ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אוּן נָאךְ אִינְמִיטְן חוֹל הַמוֹעֵד זָאלְן מִיר שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אוּן אַזוֹי וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע פְרֵיילִיכֶע יָאר מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאר ווּאוּנְטְשְׁן.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

*אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן וֶוען מְ׳גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה:*

לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ, לְיַחֲדָא שֵׁם י״ה בְּו״ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל, אִיךְ ווִיל יֶעצְט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה פַאר זִיבְּן טֶעג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידְן מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס, דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם.

אִיךְ ווִיל אַיינְלַאדֶענֶען אִין דִי סוּכָּה דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט, אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף אוּן דָוִד, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְוֶועקְזֶעצְן בַּיי מִיר אִין דִי סוּכָּה. אִיךְ דַאנְק דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעוֶועלְט אוּנְז אִידְן פַאר דַיין בַּאלִיבְּט פָאלְק.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ זִיץ אִין דִי סוּכָּה, זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַז דַיין שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ נֶעמְסְט מִיר אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטְן, אַז אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דוּ בִּיזְט שְׁטֶענְדִיג מִיט מִיר, בַּיי מִיר, אוּן נֶעבְן מִיר, אוּן דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אֵייבִּיג אוֹיף מִיר אַז סְ'זָאל מִיר גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דָאס וָואס אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן מַיין הוֹיז אוּן אִיךְ זִיץ אִין דִי סוּכָּה, זָאל זַיין גֶערֶעכְנְט פַאר מִיר אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן, אוּן דָאס זָאל מְכַפֵּר זַיין אוֹיף אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ בִּיז יֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דִי זְכוּתִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין וֶועלְכֶע זִיצְן

בַּיי מִיר אִין דִי סוּכָּה, זָאל מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר מִיר אַלֶע גוּטֶע גוּטֶע זאכְן, גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה אוּן נַחַת מִיט אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף. אִיךְ זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁטְרָאפְן אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רֶעכְן מִיר דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט עֶס מְקַיֵים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט, מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דִקְדוּקִים, אוּן הֶעלְף מִיר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין דִיר שְׁטֶענְדִיג צוּ דִינֶען מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ, לְיַחֲדָא שֵׁם י"ה בְּו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל: הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזוּמָן לְקַיֵים

מִצְוַת סֻכָּה כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת: לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין עִילָּאִין, תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין קַדִּישִׁין, תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין דִמְהֵימְנוּתָא, זַכָּאָה חוּלְקֵיהוֹן דְיִשְׂרָאֵל דִכְתִיב כִּי חֵלֶק ה׳ עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁתַּשְׁרֶה שְׁכִינָתְךָ בֵּינֵינוּ וְתִפְרוֹס עָלֵינוּ סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ בִּזְכוּת מִצְוַת סֻכָּה שֶׁאֲנַחְנוּ מְקַיְּמִין לְיַחֲדָא שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ לְיַחֲדָא שֵׁם י״ה בו״ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל, וּלְהַקִּיף אוֹתָם מִזִּיו כְּבוֹדְךָ הַקָּדוֹשׁ וְהַטָּהוֹר נָטוּי עַל רָאשֵׁיהֶם מִלְמַעְלָה כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ, וּמִשָּׁם יוּשְׁפַּע שֶׁפַע הַחַיִּים לְעַבְדֶּךָ (פב״פ אֲמָתֶךָ) וּבִזְכוּת צֵאתִי מִבֵּיתִי הַחוּצָה וְדֶרֶךְ מִצְוֹתֶיךָ אָרוּצָה יֵחָשֵׁב לִי זֹאת כְּאִלּוּ הִרְחַקְתִּי

נְדוֹד, וְהֶרֶב כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֹנִי וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי, וּמֵאוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין אוּשְׁפִּיזִין דִּמְהֵימְנוּתָא תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ קַשּׁוּבוֹת רַב בְּרָכוֹת, וְלָרְעֵבִים גַּם צְמֵאִים תֶּן לַחְמָם וּמֵימָם הַנֶּאֱמָנִים, וְתִתֶּן לִי זְכוּת לָשֶׁבֶת וְלַחֲסוֹת בְּסֵתֶר צֵל כְּנָפֶךָ בְּעֵת פְּטִירָתִי מִן הָעוֹלָם, וְלַחֲסוֹת מִזֶּרֶם וּמִמָּטָר, כִּי תַמְטִיר עַל רְשָׁעִים פַּחִים, וּתְהֵא חֲשׁוּבָה מִצְוַת סֻכָּה זוּ שֶׁאֲנִי מְקַיֵּם כְּאִלּוּ קִיַּמְתִּיהָ בְּכָל פְּרָטֶיהָ וְדִקְדּוּקֶיהָ וּתְנָאֶיהָ וְכָל מִצְוֹת הַתְּלוּיִם בָּהּ. וְתֵיטִיב לָנוּ הַחֲתִימָה, וּתְזַכֵּנוּ לֵישֵׁב יָמִים רַבִּים עַל הָאֲדָמָה אַדְמַת קֹדֶשׁ בַּעֲבוֹדָתֶךָ וּבְיִרְאָתֶךָ: בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

יֶעדְן טָאג פַארְ׳ן עֶסְן אִין דִי סוּכָּה זָאגְט מֶען דָאס׃

## אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִילָאִין
## אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד׃

דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג׃ **בְּמָטֵי מִינָךְ אַבְרָהָם אוּשְׁפִּיזִי עִילָאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד׃**

דִי צְוֵוייטֶע טָאג׃ **בְּמָטֵי מִינָךְ יִצְחָק אוּשְׁפִּיזִי עִילָאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי אַבְרָהָם יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד׃**

די דְרִיטֶע טָאג: בְּמָטֵי מִינָךְ יַעֲקֹב אוּשְׁפִּיזִי עִילָאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי אַבְרָהָם יִצְחָק מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:

די פֶערְטֶע טָאג: בְּמָטֵי מִינָךְ מֹשֶׁה אוּשְׁפִּיזִי עִילָאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:

די פִינְפְטֶע טָאג: בְּמָטֵי מִינָךְ אַהֲרֹן אוּשְׁפִּיזִי עִילָאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה יוֹסֵף וְדָוִד:

די זֶעקְסְטֶע טָאג: בְּמָטֵי מִינָךְ יוֹסֵף אוּשְׁפִּיזִי עִילָאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן וְדָוִד:

דִי זִיבֶּעטֶע טָאג: בְּמָטֵי מִינָךְ דָּוִד אוּשְׁפִּיזִי עִילָּאִי דְיַתְבֵי עִמִּי וְעִמָּךְ כָּל אוּשְׁפִּיזֵי עִילָאִי אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן וְיוֹסֵף:

**אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן בֵּיים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִי סוּכָּה**

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אַזוֹי וְוִי אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אִין דִי סוּכָּה דָאס יָאר, זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר צוּ זִיצְן אִין דִי סוּכָּה פוּנֶעם לִוְיָתָן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, מִיט דִי מִצְוֹת פוּן דִי ד' מִינִים, דִי לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג דִי הֲדַס אוּן עֲרָבָה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעשָׁאקְלְט דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זָאלְן

אוּנְז אוֹיךְ אַרוֹיסְבַּאגְלֵייטְן פוּן דִי סוּכָּה, זֵיי זָאלְן מִיטְקוּמֶען מִיט אוּנְז אַהֵיים, און זֵיי זָאלְן אוּנְז אַלֶעמָאל אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת און פון אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס קֶענֶען נָאר קוּמֶען אוֹיף אוּנְז.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז דִי זְכוּתִים פוּן דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם יוֹם טוֹב, זָאלְן מֵגִין זַיין אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רֵיינִיג מִיר אוֹיס מַיין הַארְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט דִיר צוּ דִינֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, אִיךְ זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן אַלֶע מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן און אִינְגַאנְצְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס וָואס אִיךְ דַארְף, סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אָן קַיין שׁוּם צַעַר אוּן פְּלָאג. אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, עֶס זָאל אוּנְז גָארְנִישְׁט פֶעלְן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, מִיר זָאלְן דִיר דִינֶען מִיט אַן אֱמֶת אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ כְּשֵׁם שֶׁקִּיַּמְתִּי וְיָשַׁבְתִּי בְּסוּכָּה זוּ כֵּן אֶזְכֶּה לְשָׁנָה הַבָּאָה לֵישֵׁב בְּסוּכָּה שֶׁל לִוְיָתָן:

רִבּוֹנָא דְעַלְמָא, יְהֵא רַעֲוָא מִן קֳדָמָךְ, שֶׁאוֹתָן מַלְאָכִים הַקְדוֹשִׁים הַשַּׁיָּכִים לְמִצְוַת סֻכָּה, וּלְמִצְוֹת ד' מִינִים לוּלָב וְאֶתְרוֹג הֲדָס וַעֲרָבָה הַנּוֹהֲגִים בְּחַג הַסֻּכּוֹת,

הֵם יִתְלַוּוּ עִמָּנוּ בְּצֵאתֵנוּ מִן הַסֻּכָּה, וְיִכָּנְסוּ עִמָּנוּ לְבָתֵּינוּ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, וְלִהְיוֹת תָּמִיד עָלֵינוּ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה מִמְּעוֹן קָדְשֶׁךָ, וּלְהַצִּילֵנוּ מִכָּל חֵטְא וְעָוֹן וּמִכָּל פְּגָעִים רָעִים, וּמִכָּל שָׁעוֹת רָעוֹת הַמִּתְרַגְּשׁוֹת לָבֹא לָעוֹלָם. וְתַעֲרֶה עָלֵינוּ רוּחַ מִמָּרוֹם, וְחַדֵּשׁ כִּלְיוֹתֵנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה, וְנַתְמִיד מְאֹד בְּתַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד. וּזְכוּת אַרְבָּעָה מִינִים וּמִצְוַת סֻכָּה יַעֲמוֹד שֶׁתַּאֲרִיךְ אַפְּךָ עַד שׁוּבֵינוּ אֵלֶיךָ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ, וּנְתַקֵּן כָּל אֲשֶׁר פָּגַמְנוּ. וְנִזְכֶּה לִשְׁנֵי שֻׁלְחָנוֹת בְּלִי צַעַר וְיָגוֹן אֲנִי וּבְנֵי בֵיתִי וְיוֹצְאֵי חֲלָצַי. וְנִהְיֶה כֻּלָּנוּ שְׁקֵטִים וּשְׁלֵוִים דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים, וְעוֹבְדֵי הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בִּכְלַל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

## לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם

בָּרוּךְ הוּא אֱלֹהֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים, וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת, וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ. הוּא יִפְתַּח לִבֵּנוּ בְּתוֹרָתוֹ, וְיָשֵׂם בְּלִבֵּנוּ אַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ וּלְעָבְדוֹ בְּלֵבָב שָׁלֵם. לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק, וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁנִּשְׁמֹר חֻקֶּיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְנִזְכֶּה וְנִחְיֶה וְנִירַשׁ טוֹבָה וּבְרָכָה לִשְׁנֵי יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ וּלְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא: לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם, ה׳ אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ: בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה׳. וְהָיָה ה׳ מִבְטַחוֹ: בִּטְחוּ בַה׳ עֲדֵי עַד. כִּי בְּיָהּ ה׳ צוּר עוֹלָמִים: וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ. כִּי לֹא עָזַבְתָּ דֹרְשֶׁיךָ ה׳: ה׳ חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ. יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר: